**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 8/24/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול ווייזט אן אויף איבער 185 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע וואסער אינפרעסטרוקטור פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט

***באשטעטיגונג פון פינאנציעלע הילף אויטאריזירט לאקאלע רעגירונגען צו באקומען צוטריט צו די מיטלען וואס פעהלן זיך אויס פאר פראיעקטן וועלכע רעדוצירן סכנות צו די פובליק געזונטהייט און די ענווייראמענט***

***ריפיינענסען א ניו יארק סיטי פראיעקט מיט פעדעראלע אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ פינאנצירונג איז פאראויס געזאגט צו איינשפארן 33 מיליאן דאלאר פאר סיטי יוטיליטי קליענטן***

***189 מיליאן דאלאר באנד אויספארקויף באשטעטיגט צו ריפיינענסען פראיעקטן, איינשפארנדיג בארגער 125 מיליאן דאלאר בשעת'ן צושטעלן פינאנצירונג פאר 25 פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קערפערשאפט (Environmental Facilities Corporation, EFC) באורד אָוו דירעקטארס האט באשטעטיגט איבער 185 מיליאן דאלאר אין דירעקטע פינאנציעלע הילף פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונג פראיעקטן אריבער ניו יארק סטעיט. די באורד'ס באשטעטיגונג אויטאריזירט צוטריט פון לאקאלע רעגירונגען צו איבער 94.7 מיליאן דאלאר אין ביליגע, קורץ-טערמיניגע הלוואות און צו גרענטס וואס זענען אנאנסירט געווארן אין די פארגאנגענהייט צו קענען אנהויבן די ארבעט אויף קריטישע וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור פראיעקטן, אריינרעכענענדיג רייניגונג פראצעדורן צו ארויסנעמען נייע סארטן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן פון טרונקען וואסער.

די באורד האט אויך אונטערגענומען שריט צו העלפן פארזיכערן אנגייענדע לאנג-טערמיניגע אפארדעביליטי פון עקזיסטירנדע פראיעקטן. דאס רעכנט אריין א 189 מיליאן דאלאר באנד אויספארקויף, וואס צוזאמען מיט גרענטס וואס זענען שוין אנאנסירט געווארן בעפאר וועט דאס איינשפארן פאר לאקאלע רעגירונגען א געשאצטע 125 מיליאן דאלאר אין באצאלונגען פאר הלוואה סערוויס פאר 25 פראיעקטן אריבער די סטעיט.

"ניו יארק איז פארפליכטעט צו צושטעלן פארלעסליכע צוטריט צו ריינע און זיכערע וואסער", **האט גאווערנאר האקול געזאגט.** "די היסטארישע אינוועסטירונג איז א וויכטיגע טריט פאראויס צו פארשטערקערן אונזער ענווייראמענטאלע שטאנדהאפטיגקייט, פובליק געזונטהייט און עקאנאמישע אנטוויקלונג אין קאמיוניטיס אריבער די סטעיט."

די פינאנצירונג וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן רעכנט אריין איבער 44 מיליאן דאלאר פון דעם פעדעראלן 'אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ' (Bipartisan Infrastructure Law, BIL). געלטער פון BIL פאר וואסער און סוּער אינפראסטרוקטור ווערט פארטיילט דורך די EFC אין די פארעם

פון סטעיט ריוואָלווינג פאָנדס (קאסעס וואס גיבן ארויס הלוואות). ניו יארק סיטי איז באשטעטיגט געווארן צו באקומען א 42 מיליאן דאלארדיגע לאנג-טערמיניגע BIL הלוואה אן אינטערעסט פאר דעם נארט ריווער 'קאָודזשערעישען' און עלעקטריציטעט-באנוץ פראיעקט וואס איז אונטערוועגנס. באזירט אויף יעצטיגע מארקעט אומשטענדן, איז די אינטערעסט-פרייע הלוואה פארגעזאגט צו איינשפארן פאר סיטי יוטיליטי קליענטן א געשאצטע 33 מיליאן דאלאר אין לויף פון 30 יאר. א 2 מיליאן דאלארדיגע BIL גרענט איז אויך באשטעטיגט געווארן פאר היקסוויל אין נעסאו קאונטי פאר א טרונקען וואסער פראיעקט צו אויסרייניגן נייע סארטן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן.

**ענווייראמענטאלע איינריכטונגען קארפארעישאן פרעזידענט און CEO, מאורין א. קאָולמאן, האט געזאגט,** "די באדייטנדע אינוועסטירונג וואס איז היינט אנאנסירט געווארן שטרייכט אונטער גאווערנער האקול'ס פארפליכטונג צו צושטעלן צוטריט צו ריינע, זיכערע וואסער אין ניו יארק סטעיט, צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן און צו עפענען די טיר פאר צוקונפטיגע געלעגנהייטן. די EFC'ס באמיאונגען זענען אויסגעשטעלט צו אויפבויען לאקאלע קאפאציטעט און צו אוועקשטעלן קאמיוניטיס אויף א פאזיציע צו קענען ערפאלגרייך אונטערנעמען זייערע קריטישע וואסער און סוער פראיעקטן אויף אן אפאָרדעבעל פארנעם. די EFC איז קאנצענטרירט צו העלפן קאמיוניטיס דורכן דינען אלץ א הילפס-מיטל — נישט קיין חילוק אויב די נויט איז פאר טעכנישע אדער פינאנציעלע הילף."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפהיטונג ( Department of Environmental Conservation) קאמישאנער און EFC באורד פארזיצער, בעזיל סעגאָוס, האט געזאגט,** "די באדייטנדע אינוועסטירונג וואס איז היינט באשטעטיגט געווארן וועט שטיצן באמיאונגען אריבער די סטעיט צו מאדערניזירן פארעלטערטע אינפראסטרוקטור און באהיטן וויכטיגע טרונקען וואסער קוועלער פאר צוקונפטיגע דורות. גאווערנער האקול שטופט פאר אינוועסטירונגען פאר דורות צו פארבעסערן ניו יארק סטעיט'ס וואסער קוואליטעט דורכן פארזיכערן אז לאקאלע קאמיוניטיס האבן די מיטלען און טעכנישע מבינות צו פינאנצירן די קריטישע פראיעקטן וועלכע וועלן באשיצן פובליק געזונטהייט און שטיצן זיכערע און ריינע וואסער קוועלער אין די בעפארשטייענדע יארן."

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמישאנער, דר. דזשעימס מעקדאנעלד, האט געזאגט,** "די באדייטנדע אינוועסטירונג וועט פארשטערקערן די סטעיט'ס אינפראסטרוקטור און פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער. צוטריט צו ריינע טרונקען וואסער איז גאר וויכטיג פאר די פובליק געזונטהייט, און די קריטישע אינציאטיוו וועט העלפן פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון איינוואוינער אריבער די סטעיט."

**סעקרעטערי אָוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "ריינע און צוגענגליכע טרונקען וואסער איז א הויפט פריאריטעט פאר קאמיוניטיס אריבער די סטעיט. ניו יארק זעצט פאר צו מאכן אינוועסטירונגען פון פאראויס – אריינרעכנענדיג איבער 185 מיליאן דאלאר – צו צושטעלן שטיצע פאר פארבעסערונגען צו קריטישע וואסער אינפראסטרוקטור. די אינוועסטירונגען אין אונזערע סיטיס און טאונס וועלן העלפן אויפהאלטן און פארבעסערן אונזער וואסער אינפראסטרוקטור פאר פילע דורות אין די צוקונפט."

**סענאט מאיאריטעט פירער טשארלס שומער האט געזאגט,** "די היסטארישע אינוועסטירונגען וואס איך האב פארזיכערט אין דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור און דזשאבס געזעץ פליסן און ערמעגליכן פראיעקטן צו אנהויבן די ארבעט צו פארזיכערן ריינע און זיכערע טרונקען וואסער און צו מאכן קריטישע פארבעסערונגען פאר אפלויף וואסער אינפראסטרוקטור פראיעקטן אריבער די עמפייער סטעיט. די פראיעקטן וועלכע וואלטן שוין פון לאנג געדארפט געשעהן וועלן נישט בלויז העלפן מאכן ניו יארק'ס וואסער געזונטער און ריינער נאר זיי וועלן אויך מיינע אסאך שיין-באצאלטע דזשאבס און א בעסערע צוקונפט פאר קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. איך בין שטאלץ צו אהערשטעלן די קריטישע פעדעראלע

פינאנצירונג צו פארשטערקערן די פראיעקטן, און איך אפלאדיר גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט. צוזאמען דרייען מיר ארום די ריכטונג פון ניו יארק'ס פארעלטערטע וואסער אינפראסטרוקטור."

**קאנגרעספרוי גרעיס מענג האט געזאגט,** "אלץ ניו יארק'ס פארשטייערין אויף די ראיאנישע פירערשאפט קאונסיל (Regional Leadership Council) אין קאנגרעס, בין איך גאר דערפרייידט צו זעהן פינאנצירונג ווערנדיג געשיקט צו פארבעסערן אונזער סטעיט'ס קריטישע וואסער און סוער אינפראסטרוקטור. די פינאנצירונג וואס איז באשטעטיגט געווארן רעכנט אריין 44 מיליאן דאלאר אין פעדעראלע דאלארן וועלכע זענען צוגעשטעלט געווארן דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ וואס איז אריבערגעפירט געווארן דורך די קאנגרעס דעמאקראטן צוויי יאר צוריק. איך האב שוין פון לאנג געארבעט צו קעמפן פאר וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען, און איך וועל פארזעצן צו ארבעטן מיט דיביידן אדמיניסטראציע און מיט מיינע קאלעגן אין ניו יארק צו פארזיכערן אז די פרעצעדענטלאזע אינפראסטרוקטור ביל שטעלט אהער געלטער פאר ניו יארק."

**קאנגרעסמאן עידריאַנאָ עספּאַיאַט האט געזאגט,** "איך לויב אויס גאווערנער האקול אויף די היינטיגע אנאנס, צוטיילנדיג געלטער וואס איך האב געהאלפן פארזיכערן אין קאנגרעס דורך דעם אומפארטייאישן אינפראסטרוקטור געזעץ צו פארשטערקערן וואסער פראיעקטן און מיטלען פאר קאמיוניטיס אריבער אונזער סטעיט. די געלטער וועלן געשיקט ווערן צו ארויסהעלפן ריינע וואסער און טרונקען וואסער פראיעקטן, צווישן אנדערע כדי צו פארזיכערן די זיכערהייט און וואוילזיין פון מיינע בירגער און פון אלע ניו יארקער. וויכטיגערהייט וועט עס פלעגן קאטאסטראפע-שטאנדהאפטיגע אינפראסטרוקטור, שטורעם וואסער פארוואלטונג און דאס אריינברענגען אין באטראכט קלימאט טויש פאראויסזאגונגען וואס קוקן צו די צוקונפט אריין אין ניו יארק'ס וואסער אפלויף סיסטעמען."

די באורד'ס באשטעטיגונגען רעכענען אריין הלוואות דורך די [ריינע וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד](#) און דורך די [טרונקען וואסער סטעיט ריוואָלווינג פאָנד](#) און אזוי אויך גרענטס וועלכע זענען שוין אנאנסירט געווארן בעפאר אונטער די [וואסער אינפראסטרוקטור פארבעסערונגען און אינטער-מוניציפאלע גרענט](#) פראגראמען.

**ריינע וואסער פראיעקטן:**

- **ווילעדזש אָוו קארטעדזש, דזשעפערסאן קאונטי** — $231,750 קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרייע הלוואה און WIIA $561,375 גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון וואסער זאמלונג סיסטעם פארבעסערונגען. די ווילעדזש וועט אויך באקומען א $1,726,900 סוער איבערפלוס און שטורעם וואסער איבערבאנוץ מוניציפאלע גרענט.
- **טאון אָוו טשערי קריק, שעטאַקווע קאונטי** — $1,573,000 קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרייע הלוואה פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון שמוץ וואסער און אפלויף וואסער רייניגונג פארבעסערונגען ביי די טאון'ס וואסער פארפעסטיגונג קאנטראל איינריכטונג.
- **ווילעדזש אָוו דעפּיו, ערי קאונטי** — $202,500 קורץ-טערמיניגע, אינטערעסט-פרייע הלוואה, $877,500 קורץ-טערמיניגע הלוואה מיט געהעריגע אינטערעסט און WIIA $458,750 גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון שמוץ וואסער סוער פארבעסערונגען צו רעדוצירן אריינפלוס און אינפילטרירונג אין די ווילעדזש'ס זאמלונג סיסטעם.
- **סיטי אָוו פיקסקיל, וועסטשעסטער קאונטי** — WIIA $750,000 גרענט פאר די פלאנירונג, דעזיין און קאנסטרוקציע פון שמוץ וואסער סוער מעין רער פארבעסערונגען אויף Lower South Street, אריינרעכענענדיג אינסטאלאציע פון א נייע פאמפ סטאנציע

און פארס מעין רער צו רעדוצירן אריינפלוס און אינפילטרירונג צו וועסטשעסטער קאונטי'ס פיקסקיל אפלויף וואסער רייניגונג פלענט.

**טרונקען וואסער פראיעקטן:**

- **קארלעי פלעיס וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — WIIA $5,000,000 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם און א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם אין גרוב נומער 5 צו פילטרירן 1,4-dioxane.
- **גארדען סיטי פארק וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — WIIA $4,363,200 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן 1,4-dioxane און א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן PFOA און PFOS.
- **דזשענעסי קאונטי —** IMG $1,213,600 פאר פארבעסערונגען צו די קאונטי וואסער סופליי צו ערלויבן פאר נאך 2.4 מיליאן גאלאנען פער טאג אריבער די מאנראו קאונטי וואסער אויטאריטעט'ס וואסער סופליי.
- **העמפטאן בעיס וואסער דיסטריקט, סופאָלק קאונטי** — WIIA $2,724,000 גרענט צו אינסטאלירן צוויי 12 אינטשיגע וואסער אריבערפירונג מעין רערן אריבער די שינעקאַק קאנאל און די שינעקאַק בעי.
- **היקסוויל וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — WIIA $3,000,000 גרענט און BIL $2,000,000-נייע סארטן פארפעסטיגנדע כעמיקאלן ( Emerging Contaminants, EC) גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור און 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם ביי פלענט נומער 6, גרובן 6-1R און 6-2 צו פילטרירן 1,4-dioxane, PFOA און PFOS.
- **פלעינוויו וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — WIIA $13,840,200 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם און א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם אין פלענט נומער 5, גרובער נומער 5-1, 5-2, 5-3 און 5-4 צו פילטרירן 1,4-dioxane, PFOA און PFOS.
- **סאראטאָגע קאונטי וואסער אויטאריטעט, סאראטאָגע קאונטי** — $10,000,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה פאר געהעריגע אינטערעסט פאר די קאנסטרוקציע פון נאך א 5-מיליאן-גאלאנען וואסער סטארעדזש טאנק נעבן די עקזיסטירנדע 5-מיליאן-גאלאן וואסער טאנק ביי די Cordero Drive טאנק פלאץ.
- **סאַוט פארמינגדעיל וואסער דיסטריקט, נעסאו קאונטי** — WIIA $3,000,000 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם און א 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' רייניגונג סיסטעם ביי די פלענט נומער 6 איינריכטונג צו פילטרירן 1,4-dioxane פון גרוב נומער 6-2.
- **סאַוט האַנטינגטאן וואסער דיסטריקט, סופאָלק קאונטי** - WIIA $3,435,075 גרענט צו אינסטאלירן א פארגעשריטענע אַקסידעישען פראצעדור רייניגונג סיסטעם צו פילטרירן 1,4-dioxane און אינסטאלירן Filtrasorb F-300AR קארבאן צו פילטרירן PFAS אין עקזיסטירנדע 'גרעניולער עקטיוועיטעד קארבאן' גרובער.
- **סיטי אָוו טראָי, רענסעלעיר קאונטי** — $35,657,000 קורץ-טערמיניגע הלוואה פאר געוועגטליכע אינטערעסט און WIIA $3,000,000 גרענט צו ערזעצן עקזיסטירנדע אריבערפירונג מעין רערן פון Church Street צו די Melrose פרי-רייניגונג איינריכטונג (אומגעפער 5,500 פיס אין די לענג יעדע איינע) און אזוי אויך די באפעסטיגטע צעמענטענע רער פון די Melrose פרי-רייניגונג איינריכטונג צו די ראַק טונעל ביי געיט הויז 2 (אומגעפער 2,500 פיס אין די לענג).

- **ווילעדזש אָוו וואורטסבאראָו, סאָליוועון קאונטי** — WIIA $1,047,600 גרענט פאר די קאנסטרוקציע פון אומגעפער 1,100 פיס אין די לענג פון אן 8 אינטשיגע בויגזאמע אייזענע וואסער מעין רער אויף Sullivan Street ביז Kingston Avenue, ערזעצן 8 וואסער סערוויס פארבינדונגען און ערזעצן די 300,000 גאלאן וואסער סטארעדזש טאנק העכער די ערד אין די ווילעדזש.

**ריפייננענסען פארענדיגטע פראיעקטן וועט עררייכן לאנג-טערמיניגע איינשפארונגען אין הלוואה סערוויס באצאלונגען**

די באורד האט באשטעטיגט לאנג-טערמיניגע ריפייננענסינג פאר זעקס עקזיסטירנדע פראיעקטן פאר א סך הכל פון 90.6 מיליאן דאלאר. קורץ-טערמיניגע הלוואה שטעלט צו די געלטער פאר די דעזיין און קאנסטרוקציע פון פראיעקטן. איינמאל פראיעקט קאנסטרוקציע איז פארטיג ווערט די קורץ-טערמיניגע הלוואה געוועגטליך ריפייננענסט צו ווערן א לאנג-טערמיניגע הלוואה פאר ביז אזויפיל ווי 30 יאר, איינשפארנדיג לאקאלע רעגירונגען באדייטנדע אינטערעסט אויסגאבן וואס זיי וואלטן געהאט אויב זיי וואלטן אליין געדארפט ארויסנעמען די הלוואות.

אין צוגאב צו די הלוואה צוגעשטעלט פאר NYC זענען נאך פראיעקטן באשטעטיגט געווארן פאר לאנג-טערמיניגע אינטערעסט-פרייע הלוואות, אריינרעכענענדיג די אלבאני מוניציפאלע וואסער פינאנץ אויטאריטעט אין אלבאני קאונטי, די ווילעדזש אָוו לעיק דזשארדזש אין ווארען קאונטי, די טאון אָוו פעמיליע אין דזשעפערסאן קאונטי און צוויי פראיעקטן פאר די סיטי אָוו סקענעקטעדי אין סקענעקטעדי קאונטי. באזירט אויף די יעצטיגע מארקעט אומשטענדן זענען די לאנג-טערמיניגע הלוואות פאראויס געזאגט צו איינשפארן פאר יוטיליטי קליענטן א געשאצטע 103 מיליאן דאלאר אין אינטערעסט באצאלונגען צוזאמען מיט גרענטס וואס זענען שוין אויטאריזירט געווארן בעפאר אין לויף פון די תקופה וואס די הלוואה ווערט צוריקגעצאלט.

**ניו יארק'ס געטריישאפט צו וואסער קוואליטעט און יעצטיגע געלטער געלעגנהייטן**

ניו יארק סטייט'ס לאנד-פירענדע אינוועסטירונג אין ריינע וואסער אינפראסטרוקטור קומט אויס צו $5 ביליאן זייט 2017. אונטער די פירערשאפט פון גאווערנטאר האקול, טוט די 2023-24 איינגעפירטע בודזשעט שליסט איין די $500 מיליאן אין ריינע וואסער געלטער. די גאווערנאר האט ערפינדן די קאמיוניטי שטיצע טיעמס היי יאר צו פארברייטן EFC'ס טעכנישע שטיצע פראגראמען און העלפן קליינע, רורעל און שוואכערע קאמיוניטיס צוקומען צו די געלטער צו אדרעסירן זייער ריינע וואסער אינפראסטרוקטור געברויכן. סיי וועלכע קאמיוניטי וואס דארף הילף מיט זייער וואסער אינפראסטרוקטור באדערפענישן איז געמוטיגט זיך צו פארבינדן מיט EFC ביי [efc.ny.gov/CAT](efc.ny.gov/CAT).

דער ווילער-באשטעטיגטער 4.2 ביליאן דאלארדיגער [ריינע וואסער, ריינע לופט און גרינע דזשאבס ענווייראמענטאלע באָנד געזעץ](#) (Clean Water, Clean Air, and Green Jobs Environmental Bond Act) שטופט פאראויס נאך היסטארישע סומעס פון פינאנצירונג צו מאדערניזירן אלטע וואסער אינפראסטרוקטור און באשיצן וואסער קוואליטעט; פארשטערקערן מעגליכקייטן פון קאמיוניטיס צו אויסשטיין שווערע שטורעמס און פארפלייצונגען; רעדוצירן לופט פארפעסטיגונג און נידערן קלימאט-טוישנדע עמיסיעס; אויפרעכטן פלעצער וואו ווילדע באשעפענישן וואוינען; און היטן אויף דרויסנדיגע שטחים און לאקאלע פארמס. שוואכערע קאמיוניטיס וועלן באקומען כאטש 35 פראצענט פון די בענעפיטן פון די באנד אקט געלטער, מיט א ציל פון 40 פראצענט.

טיילט מיט אייערע געדאנקען איבער וויאזוי דער באָנד געזעץ קען העלפן אייער קאמיוניטי און די ענווייראמענט. פילט אויס די קורצע סורווי אויף [https://bit.ly/BondActSurvey](https://bit.ly/BondActSurvey) צו אריינגעבן פראיעקט געדאנקען און אנדערע קאמענטארן. די סורווי ענדיגט זיך אום סעפטעמבער 15.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן